בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

פרשת ויקהל פקודי תשע"ז פרשת החודש -שבת מברכין- חזק גליון 402 [שנה ט']

**די ראיה אז עס איז געווען ממחרת יו"כ**

וַיַּקְהֵל מֹשֶׁה .. וַיֹּאמֶר אֲלֵהֶם אֵלֶּה הַדְּבָרִים אֲשֶׁר צִוָּה ה' לַעֲשֹׂת אֹתָם שֵׁשֶׁת יָמִים תֵּעָשֶׂה מְלָאכָה: (ל"ה א–ב') זאגט רש"י ד"ה וַיַּקְהֵל מֹשֶׁה: אז דאס איז געווען אויף צו מארגענ'ס פון יו"כ, איז שווער פון וואנעט ווייסט מען דאס? נאר דא איז געווען נאך די מעשה העגל און ווען נישט חטא העגל וואלטן די אידן געווען אין די דרגא פון אדם הראשון און נישט געדארפט טאן קיין מלאכה, אזוי ווי די גמ'(ברכות דף דף ל"ה:) זאגט: בזמן שישראל עושין רצונו של מקום, מלאכתן נעשית ע"י אחרים, שנא' וְעָמְדוּ זָרִים וְרָעוּ צֹאנְכֶם (ישעי' סא ה) אזוי ווי עס איז געווען ביי רבן שמעון בר יוחאי, און יעצט אז די תורה זאגט אז מען וועט מוזן ארבעטן, מוז דאס זיין נאכן חטא העגל, ממילא איז דער ציווי פון טאן מלאכה זעקס טעג, געווען ווען משה איז אראפ פון הימל אויף מארגען פון יו"כ. (נוה שאנן – ראקאבסקי אב"ד פלאצק) לויט דעם פשט איז אויך פארענטפערט וואס אלע פרעגן פארוואס שטייט דא נאכאמאל די פרשה פון שבת? ווייל עס שטייט דא נאכאמאל צוליב דעם חטא העגל, המו"ל. מען קען אויך זאגן א אנדערע טעם, ווייל עס שטייט אין מס' (שבת דף קיח:) כָּל הַמְשַׁמֵּר שבת כְּהִלְכָתוֹ אפי' עובד ע"ז כְּדוֹר אֱנוֹשׁ מוֹחֲלִין לוֹ, ממילא נאך וואס די אידן האבן געדינט די עגל וואס איז ע"ז, האט משה זיי געזאגט אז אפילו זיי האבן געדינט ע"ז וועט דער אויבערשטער זיי מוחל זיין דורך היטן שבת. (שארית יעקב דעעש)

**גדול המעשה יותר מן העושה, צוויי ראיות**

וַיֹּאמֶר מֹשֶׁה אֶל־כָּל־עֲדַת בְּנֵי־יִשְׂרָאֵל לֵאמֹר זֶה הַדָּבָר אֲשֶׁר־צִוָּה ה' לֵאמֹר: (ל"ה ד') פרעגט דער אוה"ח הק' פארוואס שטייט צוויי מאל לֵאמֹר? נאר משה רבינו האט געבעטן פון די ברענגער'ס אז חוץ וואס זיי ברענגען אליין. זאל אויך זיין לֵאמֹר: זיי זאלן מעורר זיין איינער דער אנדערן זאלן אויך ברענגען, ווייל די גמ' זאגט (ב"ב דף ט.) א"ר אלעזר: גדול הַמְעַשֶּׂה יוֹתֵר מִן הָעוֹשֶׂה, עס איז גרעסער און מער חשוב דער וואס שאפט אנדערע צו געבן שנאמר (ישעיהו לב יז) וְהָיָה מַעֲשֵׂה הַצְּדָקָה שָׁלוֹם. דאס זאגט די פסוק: וַיֹּאמֶר מֹשֶׁה אֶל־כָּל־עֲדַת בְּנֵי־יִשְׂרָאֵל, אז לֵאמֹר זֶה הַדָּבָר אֲשֶׁר־צִוָּה ה': לֵאמֹר, דער אויבערשטער וויל לֵאמֹר, מען זאל שטענדיג זאגן און מעורר זיין אנדערע צו געבן צדקה. (דיבובי חן – ר' דוב לאבלוביץ אב"ד קישקעריש) מען קען צושטעלן נאך א ראיה צו דעם כלל פון גדול המעשה יותר מן העושה, ווייל אין פסוק א' שטייט אֵלֶּה הַדְּבָרִים אֲשֶׁר־צִוָּה ה' לַעֲשֹׂת אֹתָם: און אין פסוק ד' שטייט, לֵאמֹר זֶה הַדָּבָר אֲשֶׁר־צִוָּה ה' לֵאמֹר, זעט מען ביי די ענין פון מעשה פון אנדערע צו געבן צדקה שטייט לֵאמֹר צוויי מאל, אבער ביי די ענין פון עושה, לַעֲשֹׂת אֹתָם דעם טאן אליין, שטייט נאר איין מאל לֵאמֹר. המו"ל.

(פרדס יוסף מהגאון ר' צבי יחזקאל מיכאלזון אב"ד פלונסק)

**נעמען צדקה קען מען נאר צווינגען מיט ווערטער**

וַיֹּאמֶר מֹשֶׁה אֶל־כָּל־עֲדַת בְּנֵי־יִשְׂרָאֵל לֵאמֹר זֶה הַדָּבָר אֲשֶׁר־צִוָּה ה' לֵאמֹר: (ל"ה ד') דארף מען פארשטיין פארוואס שטייט די צווייטע מאל לֵאמֹר אין דעם פסוק? נאר די גמרא (ב"ב דף ח:) ברענגט: רָבָא אַכְפְּיֵה לְרַב נָתָן בַּר אַמִּי וְשָׁקִיל מִינֵיה ארבע מאה זוזי לצדקה, רבא האט געצוואונגען רַב נָתָן בַּר אַמִּי און גענומען פון אים 400 זוז פאר צדקה. פרעגט תוספות ד"ה אַכְפְּיֵה לְרַב נָתָן. אז די גמרא (חולין דף ק"י:) שרייבט אז א מצות עשה וואס די מתן שכרה כתובה בצדו, די שכר פון דעם שטייט ביי די מצוה, איז דער דיו אז אין בי"ד של מטה מוזהרין. קענען בי"ד נישט צווינגען, און ביי צדקה שטייט כִּי פָתֹחַ תִּפְתַּח אֶת יָדְךָ לוֹ, כִּי בִּגְלַל הַדָּבָר הַזֶּה, יְבָרֶכְךָ ה' אֱלֹהֶיךָ בְּכָל מַעֲשֶׂךָ וּבְכֹל מִשְׁלַח יָדֶךָ (דברים ט"ו ח–י) קומט אויס אז ביי צדקה קען בי"ד נישט צווינגען, איז ווי אזוי האט רבא געצוואונגען פאר רַב נָתָן בַּר אַמִּי צו געבן צדקה? ענטפערט די ר"ת אז דאס וואס שטייט אַכְפְּיֵה לְרַב נָתָן מיינט נישט געצוואונגען און צוגענומען פון רַב נָתָן בַּר אַמִּי, נאר עס מיינט געצוואונגען מיט ווערטער און אים איבער געוואונען צו געבן אליין. דאס מיינט די פסוק: וַיֹּאמֶר מֹשֶׁה, משה האט גערעדט אֶל־כָּל־עֲדַת בְּנֵי־יִשְׂרָאֵל לֵאמֹר און געזאגט זֶה הַדָּבָר אֲשֶׁר־צִוָּה ה' דאס וואס דער אויבערשטער באפוילט געבן צדקה איז נאר לֵאמֹר, מען קען נאר צווינגען מיטן רעדן, אבער ביי אלע אנדערע מצות איז דער דין אז מַכִּין אוֹתוֹ עַד שֶׁתֵּצֵא נַפְשׁוֹ. (בנין דוד ווילנא תרמ"ט –ר' מרדכי דוד הלוי עפשטיין)

**מען מעג מפרסם זיין נדבות**

וַיֹּאמֶר מֹשֶׁה אֶל־כָּל־עֲדַת בְּנֵי־יִשְׂרָאֵל לֵאמֹר זֶה הַדָּבָר אֲשֶׁר־צִוָּה ה' לֵאמֹר: (ל"ה ד') נאך א תירוץ אויף וואס דער אוה"ח פרעגט פארוואס שטייט צוויי מאל לֵאמֹר? נאר עס שטייט מַתָּן בַּסֵּתֶר יִכְפֶּה־אָף (משלי כא יד), דורך געבן צדקה באהאלטערנערהייט טוט מען אוועקנעמען די אַף פון ה' –די שלעכטע גזירות ח"ו–. איז דאך לכאורה א פלא אז דער רשב"א (תשובה תקפ"ב) און עס איז געפסקנט אין שו"ע (יו"ד סי' רמ"ט סי"ג) אז מען זאל מפרסם זיין די נעמען פון די מענטשן וואס האבן געגעבן א נדבה, איי עס שטייט מען זאל געבן מַתָּן בַּסֵּתֶר? נאר מען דארף מחלק זיין אז נאר ביי צדקה דארף זיין בצנעה אבער ביי א נִדְבַת לבו זאל מען יא מפרסם זיין, כדי אנדערע זאלן אויך געבן. דאס שטייט אין פסוק, זֶה הַדָּבָר אֲשֶׁר־צִוָּה ה', נאר ביי דער זאך, נדבות, מעג זיין לֵאמֹר, זאגן און מפרסם זיין, אבער צדקה איז מַתָּן בַּסֵּתֶר. (פרדס יוסף)

**די גרעסטער חכמה איז צו פאלגן ה'**

וְכָל־חֲכַם־לֵב בָּכֶם יָבֹאוּ וְיַעֲשׂוּ אֵת כָּל־אֲשֶׁר צִוָּה ה': (לה י) עס שטייט נישט אין די תורה אז דער חכם זאל טאן דאס וואס זיין שכל זאגט אים צו טאן, נאר יָבֹאוּ וְיַעֲשׂוּ, ער זאל קומען און טאן, אבער נאר אֵת כָּל־אֲשֶׁר צִוָּה ה', וואס דער אויבערשטער הייסט, ווייל די גרעסטע חכמה איז צו פאלגן אלעס וואס דער אויבערשטער האט באפוילן, אן שום חכמות. (דבש השדה סי' נ"ה בשם רבו מבעלזא זיע"א) מען קען צושטעלן דא די ווארט וואס דער גרויסער סטאלינער הרה"ק ר' אשר האט געזאגט דריי מענטשן זענען נישט גוט, א גוטער, א פרומער און א קלוגער, [זאגן צדיקים אבער אלע דריי צוזאמען ביי איין מענטש איז ער א אדם השלם] א קלוגער איז א אפיקורס, ער וועט טרעפן היתירים אויף אלעס. (המו"ל)

**מלאכת המשכן איז געווען ביי זיי טייער יעדן מינוט**

וְהֵם הֵבִיאוּ אֵלָיו עוֹד נְדָבָה בַּבֹּקֶר בַּבֹּקֶר: (לו ג) שמעתי להגאון מלייפניק זצ"ל, דער ברוך טעם, וואס פרעגט אז עס שטייט וְהֵם הֵבִיאוּ אֵלָיו, זיי האבן געברענגט, אבער וואס זיי האבן געברענגט שטייט נישט? נאר עס איז דא דער דין אז א ארבעטארער מעג אראפנעמען פון זיין

ארבעט כדי צו עסן [און אויך צו דאוועגען] אויפן חשבון פון בעל הבית, אבער די עושי המלאכה פון משכן האבן נישט געוואלט מבטל זיין פון זייער הייליגע עבודה, זענען זיי געקומען גאר פרי און געגעסן פאר די ארבעט כדי נישט מבטל זיין שפעטער, דאס איז דער רמ"ז וְהֵ"ם: **והעושי מלאכה**, הֵבִיאוּ אֵלָיו עוֹד נְדָבָה זיי האבן נאך א נדבה געגעבן און דאס איז געווען בַּבֹּקֶר בַּבֹּקֶר, זיי זענען געקומען גאר פרי פאר די צייט און געגעסן, כדי נישט מבטל זיין פון מלאכת המשכן.

(פנינים יקרים בשם הברוך טעם)

*מדור העובדות*

## דער גרויסער גאון האט נישט באקומען קיין רבנות שטעלער

עס איז דא א ספר ברית משה א פירוש אויף די סמ"ג פון רבינו משה מקוצי פון די בעלי התוספות, געדרוקט אין מונקאטש תרס"ה, וואס איז אנגענומען ביי אלע לומדים און רבנים, דער מחבר הייסט הגאון ר' משה חיים ב"ר אברהם אהרן ווייס זצ"ל א תלמיד חכם און א עושר מופלג, פון שטאט קליינווארדיין. נישטא צופיל פרטים אויף די יוגנט פון מחבר, עס איז געברענגט אז דער הייליגער בעלזא רב דער מהרי"ד האט אים געשטופט צו דרוקן דעם ספר.

די הסכמות אויפן ספר רעדן שוין אסאך ווער דער מחבר איז געווען. הגאון ר' יצחק שמעלקיש זצ"ל דער לעמבערגער רב בעל בית יצחק שרייבט כבוד הרב הגאון החריף ובקי גביר לאחיו, די דרכי תשובה הרה"צ ר' צבי הירש שפירא ממונקאטש זצוק"ל שרייבט הרב הגאון איש המעלה, אבן סגולה, תורה וגדולה, בקנה אחד עולה וכו', די ערוגת הבושם הרה"ק ר' משה גרינוואלד פון חוסט זצוק"ל שרייבט זה משה האיש ידענו מה היה לו, בשער בת רבים וכו' ומשמאלו עושר וכבוד וכו'. אויך הגאון ר' שלום מרדכי הכהן דער שו"ת מהרש"ם און אב"ד ברעזאן זצוק"ל בארימט דער מחבר און שרייבט "יחושו להביא ברכה אל ביתם", א שיינע הבטחה אויף קויפן דעם ספר און האבן א ברכה אין שטוב. און דערנאך איז דא דריי דף הערות אויפן ספר פון אים.

אויב דאס איז נאכנישט גענוג איז נאך דא הסכמות פון ערשטע ר' שלמה הלברשטם פון באבוב זצוק"ל און פון אהבת ישראל פון וויזניץ וואס איז מפלפל מיטן מחבר און אויך זיין הייליגער ברודער הרה"צ ר' חיים מאנטינייא וואס איז מפלפל מיטן מחבר און פון הרה"ק ר' יהושע הורוויץ מדזיקוב בעל עטרת יהושע ועוד זצוק"ל, און א בריוו פון דער אב"ד פון קליינווארדיין הרה"ג ר' מאזעס חיים בר' גרשון ליטש סג"ל ראזענבוים וואס איז מוארדיג משבח די גאונות און יגיעת התורה פון מחבר און די חשיבת הספר צו מפרש זיין די רייד פון א בעל התוספות. 'און ער שרייבט אז ער האט געהאט א תעודה פון בעלזא רב זיע"א און אויך פון נאך גדולים.

אבער מען טרעפט נישט אז ער איז געווארן א רב ערגעץ! און אפשר האט ער נישט געוואלט אנעמען רבנות! אבער דער אמת איז אז ער האט געשטרעבט שטארק צו ווערן א רב און וועגן געלט איז נישט געווען די אפהאלט, ווייל ער איז געווען א עושר און געקענט גוט לערנען, נאר איך האב געהערט אמאל פון הרה"ח ר' יוסף חיים גרינוואלד שליט"א אז עס שטייט אין פסוק (דברי הימים א כט יא) לְךָ ה' הַמַּמְלָכָה וְהַמִּתְנַשֵּׂא לְכֹל לְרֹאשׁ, דאס מיינט אז די ענין נשיאות, הן צו ווערן א רב אדער ווערן א מושל, קען מען מיט געלט נישט קויפן ווייל דאס איז נאר פון אויבערשטן, און אז ער וויל וועט דאס ווערן.

ר' משה חיים איז געווען נאנט מיטן בעלזא רב און שפעטער ווען ער איז געגאנגן קיין קליינווארדיין פלעגט ער פארן מיט זיין נאנטע ידיד הרה"ק ר' ישעי' מקערעסטיר זצוק"ל קיין קיוויאשאד צו הרה"ק ר' מרדכי מנאדבורנא זצוק"ל. און ער פלעגט זיי אלץ בעטן ברכות ער זאל ווערן א רב ערגעץ, אבער די צדיקים האבן אים דאס נישט אנגעוואונטשן. ביי איין נסיעה ווען זענען זיי געפארן צוזאמען איז ביים טיש פרייטיג צו נאכטס הייסט ר' מרדכי די צוויי יונגעלייט זיך זעצען לעבן אים, ר' משה חיים האט געזאגט פאר ר' ישעי' אז עס זעט אויס אז פון דערנסיעה וועט שוין זיין די ישועה.

און דאס זעלבע איז געווען ביי שלש סעודות, וואס איז געווען טונקל, און מען הייסט די צוויי זיצן ביים טיש לעבן רבין, ווען עס איז געקומען דיצייט צו טיילן די פיש האט דער רבי צו גערופן ר' ישעי' און נאכדעם ר' משה חיים און ער גיט אים א גרויסע שטיקל פיש און הייסט אים דאס עסן. ר' משה חיים איז דאך געווען א גביר און א מפונק און נישט געווען געוואוינט צו עסן נאר וואס מען האט פאר אים געמאכט און אוודאי נישט פיש וואס ווער ווייסט צו עס איז פריש, און ער האט עס נישט געקענט געגעסן אבער מען קען דאס נישט אוועקווארפן האט ער דאס געגעבן צו יענקוש דער זון פון גבאי וואס איז געזעצן לעבן אים!

עס גייט אריבער א פאר מינוט און דער רבי רופט אויס אז ר' משה חיים זאל צוקומען צו אים און פרעגט אים צו ער האט שוין באקומען פיש? און ער ענטפערט: יא! פרעגט אים דער רבי צו ער האט דאס געגעסן? ר' משה חיים ווייסט אז דער רבי האט אלעם געזען און זאגט אז ניין! פריגט אים דער רבי און וואס האסטו געטאן מיט די פיש? האט ער געענטפערט, ער האט דאס געגעבן צו איינעם, רופט זיך אן דער רבין א שאד א שאד א שאד. פרעגט אים דער רבי, וועמען האסטו דאס געגעבן? האט ער געענטפערט פאר יענקוש! נו! וועט יענקוש ווערן א רב! האט ר' משה חיים אויסגעפירט: ר' ישעי' איז געווארן רב אין קערעסטיר, יענקוש איז געווארן א רב, אבער איך האב פארפאסט די מתנה וואס דער רבי האט מיר געוואלט געבן. און ביז ער איז אוועק פון דעם וועלט האט ער נישט באקומען א פאסטן אויף רבנות. אבער זיין ספר איז זיין זכרון טוב אויף לדורות זיע"א.


**הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" מרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד צו פארקויפן**

*תהלים עם ע"ט נדפס זיטאמיר מצב מפואר $8500, תהלים עם ע"ט נדפס זיטאמיר של הסידור $4500 א לאנגע גאנצע בריוו פון הייליגן חפץ חיים שטארקע תוכן ווינטשט אן ווער עס וועט העלפן $22000, סידור חסד לאברהם מצב חדש מנטובא תקמ"א עפ"י האריז"ל $8000, חובת הלבבות שנת ש"ח מצב יפה רק חסר השער $3000, ספר עמוד העבודה עם ב' חתימות ר' זוסא בהרב ר' אהרן מטשרנאביל $1800, סעט ארבע טורים מצב נהדר עם כריכה ארגינלית נדפס דיהארנפורט עם חתימת הגאון ר' זרח ב"ר אבא ליפפא אב"ד בוחיף ועוד $2000, רחובות הנהר אויף הגדה של פסח, הגדה שבח פסח $800, הגדה מעלה בית חורין $2000, און הונדערטער הגדות נייע און אלטע*

**4403 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA 718 438 8414 718 633 5500 T/f Hours are 11-7:30 Fri till 1:30, To receive pardes: send to- pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store from Wednesday also on the web at *WWW.SEFORIMWORLD.COM***

מען קען באקומען דעם גליון אין די קונטרס גליונות לשבת

**Do Not Pay for Sheimos if you have good condition older seforim, We can also pick up for free.**

פארוואס זאלט איר באצאלן געלט פאר שֵׁמוֹת? אויב איר האט ספרים נייע און אלטע קענט איר דאס אריינברענגן צו אונז בחינם. פאר גרעסערע קוואנטומ'ס קענען מיר קומען צו אייך, מיר נעמען נישט גמרות אדער חומשים און סידורים וואס זענען געדרוקט אין די לעצטע 70 יאר,